אַ גרינער מעסער האָט אויפֿגעשניטן די ערד.
ס'איז געוואָרן גרין.
גרין.
גרין.
גרינקייט פֿון טונקעלע יאָדלעס דורך אַ נעפּל;
גרינקייט פֿון אַ וואָלקן מיט געפּלאַצטער גאַל;
גרינקייט פֿון מאָכיקע שטיינער אין אַ רעגן;
גרינקייט וואָס אַנטפּלעקט זיך דורך אַ רייף, געקײַקלט פֿון אַ זיבן־יעריקן; גרינקייט פֿון קרויטבלעטער אין שפּליטערס טוי, וואָס צעבלוטיקן פֿינגער; ערשטע גרינקייט אונטער צעשמאָלצענעם שניי אין אַ קאַראַהאָד אַרום אַ בלאָ בלימעלע;
גרינקייט פֿון אַ האַלב־לבֿנה, וואָס מע זעט זי מיט גרינע אויגן פֿון אונטער אַ כוואַליע;
און פֿײַערלעכע גרינקייט פֿון גראָז, באַזיימט אַרום אַ קבֿר.
גרינקייטן שטראָמען אין גרינקייטן. לײַב אין לײַב. און אָט איז שוין פֿאַרוואַנדלט די ערד אין אַ גרינעם אַקוואַריום.
נענטער, נענטער, צו דער גרינערווימלעניש!

איך קוק אַרײַן: מענטשן שווימען דאָ ווי פֿיש. אומצאָליקע פֿאָספֿאָרנע פּנימער. יונג. אַלט. און יונג־אַלט אין איינעם. אַלע, וואָס כ'האָב זיי געזען אַ גאַנץ לעבן און דער טויט האָט זיי געזאַלבט מיט אַ גרינער עקסיסטענץ; אַלע שווימען זיי אינעם גרינעם אַקוואַריום, אין אַ מין זײַדענער, לופֿטיקער מוזיק.
דאָ לעבן די טויטע!
אונטער זיי טײַכן, וועלדער, שטעט — אַ ריזיקע פּלאַסטישע מאַפּע, און אויבן שווימט אַרום די זון, אין געשטאַלט פֿון אַ פֿײַערדיקן מענטש.

איך דערקען באַקאַנטע, פֿרײַנד, שכנים און צי פֿאַר זיי מײַן שטרויענעם הוט:
— גוט־מאָרגן.
זיי ענטפֿערן מיט גרינע שמייכלען, ווי אַ ברונעם ענטפֿערט אַ שטיין מיט צעבראָכענע רינגען.
מײַנע אויגן פּאַטשן מיט זילבערנע וועסלעס, יאָגן, שווימען, צווישן אַלע פּנימער. זיי נישטערן, זוכן איין פּנים.
געפֿונען, געפֿונען! אָט איז דער חלום פֿון מײַן חלום — —
— דאָס בין איך, טײַערע, איך, איך. די קנייטשן זענען בלויז אַ נעסט פֿון מײַן בענקשאַפֿט.
מײַנע ליפּן, פֿאַרלאָפֿענע מיט בלוט, ציִען זיך צו אירע. נאָר ווײַ, זיי בלײַבן הענגען אויף דער שויב פֿון אַקוואַריום.
אויך אירע ליפּן שווימען צו מײַנע. איך פֿיל דעם אָטעם פֿון ברענענדיקן פּונש. די שויב איז אַ קאַלטער חלף צווישןביידן.
— איך וויל דיר לייענען אַ ליד, וועגן דיר... מוזסט הערן!
— אויסווייניק, ליבער, קען איך דאָס ליד, איך אַליין האָב דיר געגעבן די ווערטער.
— וויל איך דײַן לײַב נאָך איין מאָל פֿילן!
— מע קאָן ניט נענטער, די שויב, די שויב...
— ניין, די גרענעץ וועט באַלד פֿאַרשווינדן, אָט צעזעץ איך די גרינע שויב מיטן קאָפּ — —

נאָכן צוועלפֿטן זעץ האָט געפּלאַצט דער אַקוואַריום.
ווו זענען די ליפּן, ווו איז דאָס קול?
און די טויטע, די טויטע, — זענען זיי געשטאָרבן?

ניטאָ קיינער. אַנטקעגן מיר — גראָז. און אויבן — אַ צווײַג מאַראַנצן, אָדער קינדער שפּילן זיך מיט גאָלדענע זייפֿנבלאָזן.

A green knife slit open the earth.
It became green.
Green.
Green.
The green of dark fir trees through a mist;
The green of a cloud with ruptured bile;
The green of mossy stones in a rain;
The green that appears through a hoop rolled by a seven-year-old;

The green of cabbage leaves in splinters of dew, that bloody the fingers;
First green under melted snow in a circle around a blue wildflower;
The green of a half-moon, seen with green eyes from under a wave;
And the joyous green of grass bordering a grave.
Greens flow into greens. Body into body. And the earth stands transformed into a green aquarium.
Closer, come closer to the green whirlpool.

I look in: people swim here like fish. Countless phosphorous faces. Young. Old. Youth and age combined. All those I have seen in the course of a lifetime, and death has embalmed them with green existence; they all swim in the green aquarium in a kind of silken, aery music.

Here live the dead!

Beneath them rivers, forests, cities—an immense plastic map, and above them floats the sun, in the shape of a fiery being.

I recognize acquaintances, friends, neighbors, and doff my straw hat to them:

"Good morning."

They reply with green smiles, as a well answers a stone with broken circles.

My eyes splash with silver oars, chasing, swimming among the faces. They are in pursuit, searching for a single face.

There at last! There it is! The dream of my dream—

"Here I am, my dearest, here I am. The wrinkles are only a nest for my longing."

My lips, swollen with blood, reach toward hers. But alas they stay suspended on the pane of the aquarium.

Her lips also swim toward mine. I feel the breath of flaming punch. The pane is a cold slaughter-knife between us.

"I want to read you a poem about yourself . . . you must hear it!"

"I know the poem by heart, my dearest, I gave you the words myself."

"Then let me feel your body once more!"

"We can't come any closer, the pane . . ."

"No, this barrier will soon vanish. I'll smash the green pane with my head—"

At the twelfth blow the aquarium burst.
Where are the lips, the voice?
And the dead, the dead—have they died?

There is no one here. In front of me—grass. Overhead—a bough of oranges, or children playing with golden bubbles.

ווער האָט אַנטקעגן אַרויסגעבלאָזן אַ קלויסטער? און דאָ, ווו די קצבֿ־ישע יאַטקע, ווי קומט דער ראַטוש?

ווער האָט אָנגעצונדן די לאָמטערנעס אויפֿן טויטן שולהויף?

נאַכסאַל, טאַטעניו, קומט סקילה דעם גאונס קלויז? און הלמאַי קומט שׂרפֿה דעם ביימעלע אויפֿן טויער?

בלויז די רינשטאָקן האָבן זיך ניט געביטן.

זיי אויך! גלאַנצן פֿון בלוט...

יאַנקל שער וויל פֿאַרשמירן דעם לײַוונט. ווו איז דער אמת, אין אים צי אין דרויסן?

און אפֿשר איז גאָר שולדיק זײַן פּאַליטרע, האַ?

ער האָט אַ מאָל געזען אַ פֿידעלע אין די הענט פֿון אַ מײַסטער. אין מיטן שפּילן — אוי, פֿאַרלוירן די קלאַנגען. עולם שטוינט און האַלט אין שטוינען. דער מײַסטער איז בלייך, ווי דער שטויב פֿון קאַלאַפֿאָניע אונטער די סטרונעס. נאָר באַלד לייגט ער צו זײַן אויער און זאָגט: חשובֿער עולם, ס'פֿידעלע האָט אָקערשט אויסגעהויכט די נשמה. איך בעט זיך אויפֿשטעלן און אָפּגעבן כּבֿוד.

ער לייגט צו זײַן אויער צו דער פּאַליטרע. זי לעבט, זי לעבט.

הענגלעך סאַזשע, פֿון די ברענענדיקע שמות, פֿאַלן אויף זײַנע האָר, פֿאַלן אויפֿן לײַוונט.

אַצינד גיט ער אַ כאַפּ פֿון די ציין דעם פּענדזל. דער פּענדזל, גלײַך אין אים וואָלט אַרײַן דער הונגער פֿונעם קינסטלער, שלינגט און שלינגט פֿאַרבן. עס פֿאַרשווינדן אויפֿן לײַוונט די פֿלעקן שניי. פֿון דער יונגער, פֿרישער, ווערסנעדיקער ערד בליט אַרויס אַלץ בולטער אַ ז ק נ ה.

אַזוי האָט זי אויסגעזען, די אַכציק־יעריקע. אָט לעבט זי ווידער, לעבט ווידער! אַ שוואַרצע שבתדיקע קלייד מיט קרישטאָלענע קנעפּעלעך. די האָר ווײַס, בלענדיק ווײַס, ווי פֿאַרפֿרוירענע מילך. דאָס פּנים — אַ קנויל זילבערנע קנייטשן. און זיי צאַפּלען פֿרילינגדיקע ריטשקעס. פּליו. פּליו. אין די ריטשקעס טאַנצט די זון. וואַרפֿט העזעלעך אין קאַלטע באַגנעטן. און די זקנה, אַ קאַפּעטשקע געבויגן, טראָגט באַראַנטשיק אַ בלאָנד מיידעלע — —

הינטער דער זקנה — פּנימער. פּנימער. אַ קוימען מיט אַ געקוילעטן האַלדז. אויף איין קני בוקט זיך אין דער לופֿטן אַ פֿענצטער. און דער טויער איבערן געסל, אונטער וועלכן עס באַוועגט זיך די זקנה, איז מיט אַ שוואַרצן שפּאַלט.

יאַנקל שער מאַכט אַ שפּאַן אַהינטער. יע, אַזוי האָט זי אויסגעזען, די אַכציק־יעריקע, עס פֿעלט בלויז... האַ, וואָס פֿעלט?

זײַנע וואַסערדיקע אויגן ווערן אויסגעפּוקלט מער. גיסן זיך איבער אויף דער פּאַליטרע. אַ נאַסע פֿלעמלדיקע ראָזקייט באַדעקט זײַן פּנים.

די זקנה איז געגאַנגען... מיט אַ של־ראש אויפֿן שטערן... דעם של־ראש האָט זי אויפֿגעהויבן פֿון דר'ערד, פֿון רינשטאָק...

— יאַנקל, ביסט אַ מאָלער, מאָל דעם של־ראש!

ער טונקט דעם פּענדזל אין די געפֿאַלענע טרערן, אין אַ שפּריצל רויט; און די זקנה, מיט דער בלאָנדער מיידעלע באַראַנטשיק, שפּאַנט שוין אונטערן צעשפּאָלטענעם טויער, צווישן באַגנעטן, מיט אַ קליין שטיבעלע אויפֿן שטערן, ווו עס וווינט גאָט.

— די א י ו ב ט ע, אַזוי וועט הייסן דאָס בילד.

ס'דערלאַנגט אַ ציטער די גאַלעריע. ביידע אָדלערס גיבן זיך אַ הייב. צוויי פּאָר שטורעמדיקע פֿליגל. צוזאַמען מיטן מאָלער יאַנקל שער, צוזאַמען מיט דער איובֿטע, צוזאַמען מיטן קניִענדיקן פֿענצטער, מיטן געסל, אַנטרינען די אָדלערס אין אַ בליצנדיקן וואָלקן.

Who blew away a church across the street? And how did the town hall get here, where the non-kosher butcher shop used to be?

Who lighted the lamps in the dead synagogue courtyard?

Wherefore, dear father, does the Gaon of Vilna's study deserve death by stoning? And for what reason does the sapling on the gate deserve death by fire?

Only the gutters haven't changed.

They too! They shine with blood...

Yankl Sher wants to smear up the canvas. Where is the truth, inside him or out the

And perhaps it's his palette that's at fault, eh?

He once saw a violin in the hands of a master. While playing it lost its sounds. The audience is stunned and its astonishment continues. The master is pale, like the rosin dust under the strings. But then he puts his ear to the instrument and says: Disti guished audience, the violin has just breathed its last. I ask you to rise and pay your respects...

He puts his ear to the palette. It's alive, alive.

6) Droppings of soot from the burning holy pages fall on his hair, fall on the canvas.

Suddenly he snatches the brush from his teeth. The brush, as though seized by the hunger of the artist, swallows, swallows the colours. The snowspots of the canvas disappear. Out of the young, fresh, springtime earth there blooms, more and more clearly, an old woman.

That's what she looked like, the eighty-year-old. Here she is alive again, alive again! A black Sabbath dress with rhinestone buttons. Her hair white, dazzling white, like frozen milk. Her face - a gnarl of silver wrinkles, quivering with vernal rivulets. Splash. Splash. In the rivulets dances the sun, casting reflections against cold bayonets. And the old woman, a bit hunched, carries a blond little girl piggy-back. - -

Behind the old woman - faces, faces. A chimney with a slaughtered throat. On one knee a window kneels in the air. And the gate over the street, under which the woman is moving, has a black crack.

Yankl Sher takes a step backwards. Yes, that's how she looked, the eighty-year-old, only it's missing...well, missing what?

His watery eyes protrude still more, spilling over onto the palette. A moist, flickering rosiness covers his face.

The old woman was walking...with a philactery on her forehead...she had picked up the philactery from the ground, out of the gutter...

-Yankl, you're an artist, paint the philactery!

He dips the brush into the fallen tears, in a blob of red; and now the old woman with the blond little girl piggy-back walks under the cracked gate, between the bayonets, with a little hut on her forehead, wherein lives God.

-The woman Job, that's what the painting will be called...

The balcony is shaken by a tremor. Both eagles rise. Two pairs of stormy wings. Together with the Woman Job, with the kneeling window, with the street, the eagles escape in a lightning-flashing cloud.

## THE LAST OF THE BLIND

HER EYES ARE FLESHED not like everyone else's. They live in a separate face inside her—two magnetic needles.

The needles attract blossoming branches, sun and shade, colors like pulsating veins, faces, and above all, the face of her blind lover.

They met one another like two nights and their stony blindness struck up sparks.

When he, whose face is like a windowpane in the rain, climbs over the houses at night, waiting for the moon to throw him a silver herring, he plays on his long, inherited flute. He plays a haunting melody, a kind of birdlike elegy, and she, in the attic, sees her beloved in the mirror of his sounds.

Once he failed to return. A deaf soot covered the mirror. For her—it was as though she had been struck by another blindness.

She groped for his shadow, for the forelock of his shadow. The magnetic needles no longer brought him . . .

Someone had thrust a knife into a corpse!

Her fingers, ten buzzing bees, circled the attic emptiness where the air was charred, like white ash.

"Come here , sister!"

Her younger, clear-eyed, sister, half naked, a book under her arm, two braids like open scissors, emerged from the shimmering corner with a lamp in her hand.

"Teach me to dance. I've never danced; never in my life."

The lamp—an owl with one eye—is hung over a beam. Beneath it, in the light of its bloody eye, the two sisters dance. They are accompanied by the vanished flute, the birdlike elegy.

"Thank you, my dearest. Now leave me alone. I want to see whether God is blind."

A tremor passed through the attic, like a nest when it senses the saw.

The blind woman slowly approached the lamp, her buzzing fingers unscrewed the glass, wet her braids and her dress with kerosene, and the owl's eye flooded her with fire.

Through narrow streets like caves of ghosts—Sun.

Sun through bandaged panes. Sun in faces. Sun for the dead that cannot find death. People, split into two separate profiles, are grafted together in the crimson glow of her dance.

She herself, the blind woman, immersed in eyes of fire, kindles the streets, the city, the clouds, with her dance:

"If you are blind, my God, here, take my fire!"

די לעצטע פֿון אַלע בלינדע

אירע אויגן זענען פֿאַרפֿלייששט ניט דאָ ווו בײַ אַלעמען. זיי לעבן אינעווייניק, אין אַ באַזונדער פּנים — צוויי מאַגנעטישע נעדעלעך.

אָט די נעדעלעך ציִען־צו בליִענדיקע צווײַגן, זון און שאָטן, קאָלירן ווי קלאַפּנדיקע אָדערן, פּנימער און, דער עיקר, דאָס פּנים פֿון איר בלינדן געליבטן.

זיי האָבן ביידע זיך באַגעגנט ווי צוויי נעכט און זייער שטיינערנע בלינדקייט האָט אַרויסגעשלאָגן פֿונקען.

און אַז ער, מיט אַ פּנים פֿון אַ שויב אין רעגן, קלעטערט בײַ נאַכט איבער מויערן, די לבֿנה זאָל אים אַראָפּוואַרפֿן אַ זילבערנעם הערינג, שפּילט ער אויף זײַן לאַנגן ירושהדיקן פֿײַפֿיאַל, שפּילט אַ נאָגנדיקן ניגון, אַ מין פֿייגלשע לוויה, און זי, אין ביידעמל, זעט איר געליבטן אינעם שפּיגל פֿון זײַנע קלאַנגען.

איין מאָל האָט ער זיך ניט אומגעקערט. אַ טויבע סאַזשע האָט באַצויגן דעם שפּיגל. און זי — ווי נאָך אַ בלינדקייט וואָלט אַרײַן אין דער בלינדער!

זי טאַפּט זײַן שאָטן. די שעוועליורע פֿון זײַן שאָטן. די מאַגנעטישע נעדעלעך ציִען אים ניט צו...

עמעץ האָט אַרײַנגעהאַקט אַ מעסער אין אַ טויטן!

אירע פֿינגער — צען זשוזשענדיקע בינען — קרײַזן איבער דעם בוידעמדיקן חלל, וווּ די לופֿט איז איבערגעברענט ווי ווײַסער אַש.

— קום, שוועסטער!

איר קליינע, זעענדיקע שוועסטער, אַ האַלב נאַקעטע, אַ בוך אונטערן אָרעם, צוויי צעפּלעך ווי אַן אָפֿענע שער, קוואַלט אַרויס פֿון שימערדיקן ווינקל מיט אַ לעמפּעלע אין האַנט.

— לערן מיך אויס טאַנצן, איך האָב קיין מאָל ניט געטאַנצט, קיין מאָל ניט אין לעבן.

דאָס לעמפּל — אַ סאָווע מיט איין אויג — בלײַבט הענגען אויף אַ בעלקע. אונטער אים, אין שײַן פֿונעם בלוטיקן אויג, טאַנצן די צוויי שוועסטער. ס'באַגלייט זיי דער פֿאַרשוווּנדענער פֿײַפֿיאַל, די פֿייגלשע לוויה.

— אַ דאַנק, טײַערע, אַצינד לאָז מיך אַליין, איך וויל זען צי גאָט איז אַ בלינדער.

אַ ציטער נעמט דורך דאָס ביידעמל, ווי אַ נעסט בײַם דערפֿילן אַ זעג.

און די בלינדע גענענט פּאַוואָליע צום לעמפּל, די זשוזשענדיקע פֿינגער דרייען אַראָפּ דעם קאַפּטור, באַנעצן מיטן קעראָסין אירע צעפּ, איר קליידל, און דער סאָוועס אויג טוט אַ פֿלייץ מיט פֿײַער.

איבער געסלעך ווי היילן פֿון גײַסטער — זון. זון. זון.

זון אין באַנדאַזשירטע שויבן. זון אין פּנימער. זון אין מתים, וואָס געפֿינען ניט דעם טויט.

מענטשן, צעשפּאָלטענע אין צוויי באַזונדערע פּראָפֿילן, פֿאַרביינערן זיך ווידער בײַ דעם רויזיקן אָפּשײַן פֿון איר טאַנץ.

און זי אַליין, די בלינדע, דורכויס אין פֿײַערדיקע אויגן, צינדט אָן מיט איר טאַנץ די געסלעך, צינדט אָן די שטאָט, צינדט אָן די וואָלקנס:

— ביסטו בלינד, מײַן גאָט, נעם צו מײַן פֿײַער!..

## BETWEEN CHIMNEYS

LIKE THE MEMORY of the Angel of Death the moon moves quickly to the ruins of a black street and remains hanging between two chimneys.

Long, simmering shadows gush from its veins, like black blood from a slaughtered horse, and melt the snow beneath through to the pavement.

A human form appears from a chimney, like a wild duck in a dark pool:

"Sheyn-de-le!"

From the chimney across the street, another emerges:

"Tsal-ke!"

"Sheyndele, we have to live."

"Of course. How long have we been lying, or standing, in these chimneys?"

"Not so long. This is only the third moon. Are you cold?"

"Cold? When the moon shines, this soot covering me looks like a silver fox. I'm not afraid of the cold. As long as they don't light a fire in the house below. I think sparks are coming out of the chimney . . ."

"No one lives on this black street. The sparks are stars, lucky stars."

"No Tsalke, stars are cold and these sparks are hot, like needles. Hot as kisses, really, but much more dangerous."

צווישן צוויי קוימענס

ווי דער זכרון פֿון מלאך־המוות שווימט האַסטיק די לבֿנה צו די רויִנען פֿון אַ שוואַרצער גאַס און בלײַבט הענגען צווישן צוויי קוימענס.

לאַנגע, זידנדיקע שאָטנס קוואַלן אַרויס פֿון אירע אָדערן, ווי שוואַרץ בלוט פֿון אַ דערהרגעט פֿערד, און צעשמעלצן אונטער זיך, ביזן ברוק, די שנייען. אַ מענטש אַנטפּלעקט זיך פֿון אַ קוימען, ווי אַ ווילדע קאַטשקע פֿון אַ טונקעלן וואַסער:

— שיינ—דע—לע!

פֿונעם קוימען, אויף דער אַנדער זײַט גאַס, קריכט אַרויס אַ צווייטער:

— צאַל—קע!

— שיינדעלע, מיר מוזן לעבן.

— יע, צאַלקע. ווי לאַנג ליגן מיר אָדער שטייען מיר אין די קוימענס?

— ניט לאַנג, סך־הכל די דריטע לבֿנה. איז דיר קאַלט, שיינדעלע?

— קאַלט? אַז די לבֿנה באַלײַכט זעט אויס אויף מיר די סאַזשע ווי אַ זילבערפֿוקס. פֿאַר קעלט האָב איך ניט קיין מורא. מע זאָל נאָר אונטן, אין מויער, ניט אײַנהייצן. מיר דאַכט, פֿונקען ציִען זיך פֿון קוימען.

— קיינער וווינט ניט אין דער שוואַרצער גאַס. און די פֿונקען זענען שטערן. מזלדיקע שטערן.

— ניין, צאַלקע, שטערן זענען קאַלט און די פֿונקען — הייס, נאָדלדיק. הייס ווי קושן, יע, נאָר אַ סך געפֿערלעכער.

"Who are you thinking of, Sheyndele, let's be honest. I saw you myself . . ."

"When you're kissing, you can't see, so how did you see?"

"By the pit . . . just before we escaped, you smiled at someone. *What* a smile. Who is he?"

"Really, Tsalke, to be jealous in a chimney . . . very well, then, I'll tell you. It was—"

The echo of heeled boots interrupted the sentence.

Into both chimneys, one facing the other across the black street, the faces disappeared.

— שיינדעלע, וועמען האסטו אין זינען, לאמיר זיין אפנהארציק. כ׳האב אליין געזען...

— אז מע קושט זיך זעט מען ניט, ווי אזוי האסטו געזען?

— לעבן גרוב... איידער מיר זענען אנטלאפן, איידער מיר האבן זיך באהאלטן אין די קוימענס, האסטו צו עמעצן געשמייכלט. אזוי געשמייכלט. ווער איז ער?

— איי, צאלקע, זיין אייפערזיכטיק אין א קוימען... גוט, כ׳וועל דיר זאגן, ס׳איז געווען — —

אן אפקלאנג פון געקאוועטע שטיוול האקט איבער דעם זאץ.

אין בײדע קוימענס, איינער אנטקעגן אנדערן, איבער דער שווארצער גאס, פארשווינדן די פנימער.

## THE PEASANT WHO SAW GOD

IN A SEMICIRCLE like a taut bow, the firing squad stands around the ditch with rolled up sleeves aiming at the wheel of fortune—a pile of prisoners.

The glow from a brass pyre in the nearby woods, with logs of half-rotted skeletons, casts a shimmer of burning shadow over the bones of the living dead that look like a single corpse—the earth looks like this when it is sliced and overturned by the plough.

Only the grandmother, with both grandchildren at her side—an old grey eagle with outstretched wings—only she retains the immortality of her face.

The grandmother has remained among the last.

Both children kiss her hands with faint lips:

"Grandma, why are so many people falling?"

The grandmother raises her head. The sky is blue and clear. One gigantic moon. From the spring of her eyes falls a tear that she had kept hidden for many years. The tear spreads, trickles, and floods the moon.

It begins to cloud over, to rain, with warm grandmotherly tears. The tears quench the pyre and fill the ditch.

The grandmother closes her eyes, blindly snatches up one of the children, and begins to run.

Has she saved Khane or Mirele? She dare not think. The child sleeps and the grandmother whispers: Khane-Mirele, Khane-Mirele . . .

She makes her way through the soaking dark. Khane-Mirele is asleep on her shoulders. She reaches a village. A light flickers behind the pane of a peasant hut.

The grandmother sloshes through the water. She stumbles, picks herself up, and knocks at the door of the hut as at the heart of an angel.

"Kto?"

"Good man, let us in . . ."

The door opened slowly, and a peasant, half naked, with a lamp in one hand and a whip in the other, appeared on the porch.

He raised his whip over the old woman.

A voice like a white wing sounded from the old woman's lips: "What are you doing? Are you blind? Can't you see God's presence in the rain?"

The long whip in the peasant's hand, which was aimed at the grandmother, bites him like a snake. He can neither raise his hand nor lower it.

By the light of the lamp he sees: an old woman with long white hair, as though drenched with lime; her eyelashes are trimmed with tiny droplets, like pincushions stuck with needles. On her shoulders she carries a child—a blue lamb.

And behind her, among the strands of rain, beaded with quivering pearls, floats a figure, stretching its long lightning finger out toward him.

The peasant's knees buckle. The lamp falls from his hand. The blue lamb around the grandmother's neck wakes with a sudden bleat:

"Granny!"

## דער פויער וואס האט געזען גאט

אין א האלבן קרייז, ווי אן אנגעשפאנטער בויגן, שטייען ארום קאנאווע די שיסער מיט פארקאשערטע ארבל און צילן אין "רעדעלע פון מזל" — אין א קופע פארמישפטע.

דער אפשיין פון א מעשענעם שייטער אין דערבייזיקן וועלדל, מיט ביימער פון האלב צעפאלענע סקעלעטן, באשימערט מיט ברענענדיקע שאטנס דאס געביין פון לעבעדיקע טויטע, וואס אלע זעען זיי אויס ווי איינער — אזוי זעט אויס ערד, ווען אן אקער צעשניידט און קערט זי איבער.

בלויז די באבע, מיט בײדע אייניקלעך ביי די זייטן — א גרייז גרויע אדלערין מיט צעשפרייטע פליגל, בלויז זי האלט־אויף די אייביקייט פון איר פנים.

די באבע איז פארבליבן פון די לעצטע.

בײדע אייניקלעך קושן אירע הענט מיט פארחלשטע ליפן:

— באבע, נאכסאל פאלן דא אזוי פיל מענטשן?

די באבע פארהייבט דעם קאפ. ס׳איז בלא און לויטער. איין ריזיקע לבנה. פון דער באבעס אויגנקוועלכל שווימט ארויס א טרער, וואס זי האט אויסבאהאלטן לאנגע יארן. די טרער שווימט, ריזלט און פארפלייצט די לבנה. ס׳נעמט וואלקענען, רעגענען, מיט ווארעמע באבישע טרערן. זיי, די טרערן, פארלעשן דעם שייטער, פילן אן די קאנאווע.

באבע פארמאכט די אויגן און בלינדערהייט אזוי כאפט זי איין אייניקל — און לאזט זיך לויפן.

וועמען געראטעוועט — חנהלען צי מירעלען? מע טאר ניט קלערן. ס׳קינד שלאפט און די באבע שעפטשעט:

— חנה־מירעלע, חנה־מירעלע...

זי בלאנדזשעט אין דער צעווייקטער פינצטערניש. אויף די אקסלען שלאפט חנה־מירעלע.

באבע קומט אין א דארף. הינטערן שויב פון א כאטע צאפלט א פייערל.

באבע טאפטשעט אין וואסער. פאלט, הייבט זיך אויף, און קלאפט אן אין כאטע ווי אין הארץ פון א מלאך.

— קטא?

— גוטער מענטש, לאז אריין.

ס׳עפנט זיך פאוואליע די טיר. און א פויער, האלב נאקעט, מיט א לעמפעלע אין איין האנט און א בייטש אין דער אנדערער, באווייזט זיך אויפן גאניק.

און ער פארהייבט די בייטש איבער דער זקנה.

נאר דעמאלט שלאגט ארויס א קול, ווי א ווייסער פליגל, פון דער אלטיטשקעס ליפן:

— מענטש, וואס טוסטו, ביסטו בלינד, זעסטו ניט אז אין רעגן איז גאט?

די לאנגע בייטש אין האנט פון פויער, פארמאסטן אויף דער באבען, דערלאנגט אים א ביס ווי א שלאנג. ער קאן די האנט ניט הייבן, ער קאן זי ניט אראפלאזן.

אין שיין פונעם לעמפעלע זעט ער:

אן אלטיטשקע מיט לאנגע, ווייסע האר ווי באגאסן מיט קאלך. די וויעס באהאנגען מיט קליינע טראפנס — באנאדלטע קישעלעך. אויף די אקסלען טראגט זי א קינד — א בלא שעפסעלע.

און הינטער דער באבען, צווישן פעדעם רעגן, באצויגענע מיט צאפלדיקע פערל, שוועבט ארום א געשטאלט און ציט אויס צום פויער א לאנגן בליציקן פינגער.

די קני בייגן זיך. דאס לעמפל פאלט ארויס פון האנט. און דאס בלאע שעפסעלע, ארום האלדז, וואכט אויף:

— באבע!

װער פֿון די חבֿרים ס'איז געפֿאַלן, און װער ס'איז אַנטרונען אין דער װילדערניש.

איך שרײַ: אַהו! ניוכע װי אַ װאָלף נאָך איר אָטעם, לויף אַ באָרװעסער אַהין און צוריק, און באַך! — פֿאַרזונקען ביזן האַלדז אין אַ װאַסערגרוב. דער טאָג האָט זיך פֿאַרלאָשן װי אַ שװעבעלע. דאָס פֿאַרברענטע "העלצל" אין אַ דינעם רויטלעכן צאַנקען האָט נאָך באַלויכטן אַ װײַלע דעם האָריזאָנט.

דערנאָך האָט זיך אַראָפּגעלאָזן די נאַכט װי אַן עקדיש.

אויף מאָרגן, אין דולער בלאָנדזשעניש, האָב איך ענדלעך דערטאַפּט דאָס בערגל. נאָר פֿון מײדל איז דאָרט פֿאַרבליבן נאָך װיניקער װי פֿון אַ חלום. כ'האָב זיך קוים באַפֿרײַט פֿון װאַסערנעץ און דערשלעפּט זיך צו אַ װעלדל, — אַ באַװױנטן פֿון לויטער בעריאָזעס.

פֿאַרשיכּורט פֿון ייִאוש און גלויבן האָב איך אויסגעריסן פֿון דר'ערד אַ שטײן און גענומען זעצן מיט אים אין אַן אויסגעהוילטער בעריאָזע, דער עלטסטער אין װאַלד. אײן זעץ מיטן שטײן, נאָך אַ זעץ, נאָך אַ זעץ, ביז די קלעפּ, ערבֿ־דונערדיקע, דומפּע, האָבן זיך צעשפּליטערט אין עכאָס. דער שטײן האָט זיך צעקרישלט צוזאַמען מיט מײַנע לעצטע מחשבֿות. און דעמאָלט האָט זיך אַנטפּלעקט אַ געשטאַלט — זיך אַנטפּלעקט צװישן די הויכע צעשונדענע בעריאָזעס, װי אַ בעריאָזע פֿאַרװאַנדלט אין אַ מענטשן.

צו ערשט האָבן זיך באַשאַפֿן שװאַרצאַפּלען — זאַלציקער בורשטין, אָקערשט פֿון ים אַרויס.

אַ װײַלע שפּעטער — אַ צעפּלאָשעטער קאָפּ אין אַ קרוין פֿון דערנער. אַרום האַלדז אַ שלאַנג.

אַרום לײַב די קלײדער — צעפֿליקט, צעדריבלט אין זיך הוידענדיקע צויטן.

צװישן זײ — דאָס אַנטבלויזטע לײַב, אין מאָן־רויטע פּליאַמעס.

— העי, װער ביסטו, די כּלה פֿון זומפּקיניג?

די שלאַנג אַרום האַלדז האָט געשאָקלט מיטן קעפּעלע אויף ניין.

די געשטאַלט האָט זיך דערנענטערט.

און פּלוצעם — פֿון איר לינקער האַנט פֿינקלט אַ רינגעלע, דאָס רינגעלע מיטן טראָפּן בלוט פֿון רובין.

...פֿון דעמאָלט אָן, װען אין חלום, װוּ קלאַנגען גײען אַרום װי מענטשן, אַנטפּלעקט זיך מיר אַ ליד, אַן אויסגעבענקט ליד װאָס כ'האָב ליב, נאָר בײַם אויפֿװאַכן װערט דאָס ליד נעלם, װי די טײַערע מײדל אין יענע זומפּן, — נעם איך זעצן מיט אַ שטײן פֿון װערטער זיך אין האַרצן אַרײַן, זעצן אַזוי לאַנג, ביז דער שטײן צעקרישלט זיך, ביז איך פֿאַל מיטן לעצטן אָטעם אויף דר'ערד. אין אַזאַ מינוט, טרעפֿט עס, קומט צו מיר אין דער װירקלעכקייט דאָס פֿאַרשװוּנדענע ליד, נאַקעט און צעבלוטיקט, נאָר מיט אַ גאָלדן רינגעלע פֿון ליבשאַפֿט — און עס שמייכלט דורך טרערן.

צום אָנדענק פֿון אַ פּעלצל

בײַם װערן אַ פּעלצל ביסטו פֿאַרבליבן אַ שעפּעלע.

װען מײַן מאַמע האָט דיך אויסגעקויפֿט בײַ אַ קירגיז אַ הונדערט־יעריקן פֿאַר אַ טאָרבעלע זאַלץ און מיך דערפֿרייט מיט דער מתּנה צום זיבעטן געבוירן־טאָג — איז אַזוי װי דער מאַמעס אָטעם װאָלט אַרײַן אין מײַנע בײנדלעך, װי איך װאָלט אָנגעטאָן אַ לעבעדיקע זון...

קרומאויגיק און צעשניטן פֿון קינזשאַלן האָבן מאַרשירט אין שנײען די טעג. אין דיר האָב איך באַשאַפֿן מײַן ערשט ליד — אַ שנײמענטש.

אַ גײַסט בין איך געװען אין דײַנע פֿליגל. פֿון זיך אַלײן פֿאַרשװוּנדן. זיבן שטראַליקע טויבן האָבן מיך געבראַכט אַהײם.

האָסט מיך באַגלײט איבער צײַטן, לענדער, מיטן ניגון פֿון דער קינדהייט — אַ װאַרעם פֿידעלע.

האָסט געזען װי דער צפֿון־שטערן האָט מיך געטאָן אַ ראַך...

װען כ'בין געװאָרן פֿאַר דיר צו גרויס, האָסטו מיר אָפּגעגעבן דײַנע הענט — די צװײ אַרבל, צו פֿאַרלענגערן די פֿרײַנדשאַפֿט.

דיר, מײַן פּעלצל, האָב איך פֿאַרטרויט מײַנע לבֿנהדיקע פּאַפּירלעך, מיט בלינדע צעהאָפּקעטע שורות, װי דער טאַנץ פֿון אַ שיכּור אין שניי.

און שפּעטער, װען מײַן טויבנשלאַק איז אַװעק מיט די װאָלקנס, װער נאָך, אויסער דיר און אַ טשאַטע װוּנדן, האָבן מיך באַגלײט!..

װען מײַן פּנים האָט זיך פֿאַרביטן אין אַ פֿאַרקװעטשטן פֿינגער, האָסטו ניט דערלאָזן דעם פֿיאָלעטן אײַז צו פֿאַרגליװערן מײַן שמייכל.

און אײן מאָל בײַ נאַכט, אין אַ װאַלד, איבער שלאַנגען באַלזאַמירטע אין אײַז, האָט אַ פֿרוי באַקומען װײען... און אין דיר, אין דײַן װאַרעמער נעסט, איז אַרײַן דאָס בלאָע קינדעלע, — בלאָ װי דו.

און אַ צװײטן מאָל, — אַ נאַקעטער, בלויז מיט דיר אויף די אַקסלען, האָב איך געריטן צו דער מאָרגנדיקער זון איבער אַ שלאַכטפֿעלד. דער שניי — אַ לויטערער בײַנאַכטיקער הימל. מײַן פֿערד — אַ הימען איבערן שניי. פֿונעם שניט אין זײַן אָדערדיקן האַלדז פֿאַלן גאָלדענע פֿישעלעך. מײַנע ריפּן זענען באַצױגן מיט זײַנע. הויט איז איבעריק. ביסטו אויך געװאָרן איבעריק, צי האָסטו דערפֿילט מײַן ראַנגלעניש און, װי אַ בליק װאָס איז אָנגעבלויט פֿון קלוגשאַפֿט, זיך אַראָפּגעלאָזן אין שניי?

דיבאָם האָט זיך געשטעלט דאָס פֿערד. זײַן רײַטער האָט דערזען — אַ בלאָ שעפּעלע בלאָנקעט אין דער אײביקייט:

— מע — מע... מאַ — מע...

און אַ װאָלף, אין שניי אַ געשליפֿענער, אַ בלאַנקער, פֿירפֿיסיקער מעסער, שנײַדט די געגנט.

Some of my friends had fallen and others had escaped into the wilderness.

I shouted Ahoo! sniffing after her breath like a wolf, running barefoot back and forth until plop!—I sank up to my neck in a waterhole.

The day went out like a match. The charred matchstick continued to light the horizon for a while with a thin reddish flicker. Then night slunk down like a lizard.

The next day, maddeningly lost, I finally stumbled on the hill. But of the girl there remained even less than a dream.

I managed to free myself of the waternet and got as far as a thicket, inhabited solely by birchtrees.

Drunk with despair and faith, I tore a rock from the ground and began pounding it against a hollow birch, the oldest in the forest. One bang with the rock, another, and another, until the blows, dull like gathering thunder, shattered into echoes.

The rock crumbled with my last thoughts.

And then a figure appeared. It appeared among the tall skinned birch trees like a birch transformed into a human being. First pupils of the eyes formed—salty amber fresh from the sea. A moment later—a disheveled head in a crown of thorns. A snake around its neck. The clothes over the body—frayed, shredded into dangling tatters. Among them an uncovered body in poppy-red stains.

"Hey, who are you, the bride of the swampking?"

The snake around the neck shook its head. No.

The figure drew closer.

And suddenly—from its left hand there sparkled the ring with the blood drop of the ruby.

From that time on, in my dreams, where sounds stroll about like people, when a poem reveals itself to me, a poem I longed for and love, that vanishes when I wake like the beloved girl in those swamps—I begin to pound my heart with a rock of words, to pound until the rock crumbles and I fall to the ground with my last breath. Sometimes, at such moments, the vanished poem comes back to me in all reality, naked and bloodied, but with a gold ring of love, smiling through tears.

## IN MEMORY OF A FUR

IN BECOMING A FUR you remained a lamb.

When my mother ransomed you from a hundred-year-old Kirgizian for a pouch of salt and surprised me with the gift on my seventh birthday—it was as if my mother's breath had entered my bones, as though I had donned a living piece of the sun . . .

Slanteyed and slashed by daggers the days marched past in snow. Inside you I created my first poem—a snowman.

I was a spirit in your wings. Invisible even to myself. Seven radiant doves transported me home.

You accompanied me through time, through countries, with the melody of childhood, a warm small fiddle.

You saw how the north star gave me a scratch . . .

When I outgrew you, you gave me your hands, the sleeves, to prolong our friendship.

To you, my fur, I entrusted my moonstruck scraps of writing with their blind, hoppity lines, like the dance of a drunkard in snow.

And later, when my dove nest vanished with the clouds, only you and a pack of wounds accompanied me.

When my face had been transformed into a dried up finger, you kept the purple ice from freezing my smile.

Once, at night, in a forest, over snakes embalmed in ice, a woman was seized by pains . . . and into you, your warm nest, the infant was placed—blue, like you.

Another time, naked, with only you on my shoulders, I rode toward the morning sun across a battlefield. The snow—a clear night sky. My horse—a hymn over the snow. From the cut in its veiny neck fell little golden fish. My ribs were stretched along those of the horse. Skin was unnecessary. Did you become unnecessary too, or did you feel my struggle and, like a glance of blue intelligence, drop into the snow?

The horse reared. His rider saw—a blue lamb lost in eternity:—maaa-maaa . . . ma-ma . . .

And a wolf, carved out against the snow, an unsheathed fourfooted knife, cut through the countryside.

— וואָס איז געשען, יאָאַכים?
— שאַ. אַנטקעגן אַ "סוכאָסטאָי"...
— דײַן פֿאַנטאַזיע!
— ניין, ברודערקע, אַזאַ בוים דערקענט מען בײַ נאַכט. אַרום אים, זעסט, — אַ גאָלדענער שלייער.

מיר קומען־צו נענטער און יאָאַכים האָט געטראָפֿן: אַ דיקער, אַלטער, קנאָכיק־צעפֿוילטער דעמב, אָן לײַב און אָן לעבן.

— ער וועט קלעקן אָפּצובראָטן אַ סטאַדע אָקסן, טרוקן ווי פּעך, — זעצט יאָאַכים די האַק אין בוים אַרײַן.

איך באַטראַכט דעם קרבן נאָך אַ מאָל און די זעג פֿליט אַרונטער פֿון גוף מיט צוויי שטאָלענע פֿליגל.

— יאָאַכים, דער בוים איז אײַנגעהילט אין רויך, עס טרערן מיר די אויגן.

— אַ טומאַן איז בײַ אים רויך! ווערסנעצײַט וואַנדערן די טומאַנען ווי מענטשן, און זייערע מידע פֿיס רוען אָפּ אויף די ביימער. די זעג, לאָמיר פֿידלען!

און די זעג בײַסט אײַן די ציינער אינעם דעמב און דער שניי אונטן ווערט באַזיפּט מיט פּורפּורנעם זעגמעל.

— יאָאַכים, אַ טומאַן זאָל זײַן ביטער? אַ האַרץ — נו, יע, אָבער ניט קיין טומאַן...

יאָאַכיםווישט מיטן אַרבל די אויגן און די זעג בלײַבט שטיין אין בוים ווי אַ שיף צווישן קריִעס.

מיר טרעטן אָפּ עטלעכע שפּאַנען פֿון דעמב און וואַשן אויס מיט שניי די פֿאַרביטערטע אויגן.

— יאָאַכים, וואָס זאָגסטו אַצינד? ווערסנעצײַט וואַנדערן די טומאַנען ווי מענטשן...

דער שמיד פֿון זאָסלע האַלט זיך בײַם זײַניקן:
— ביטערע טומאַנען. לאָמיר זעגן ווײַטער!

מיר זעגן, זעגן און דאָ, ניט צו גלייבן, פֿון טויטן בוים — אַ לעבעדיקער ניגון.

און אַ ייִד אַנטפּלעקט זיך אונטער הענגענדיקער קאָרע, אין אַ טלית, און ער שמייכלט מיט דער זעלבער גאַליקער גרינקייט ווי די זון וואָס וויל ניט אונטערגיין:

— אין אָט דעם בוים לעבן מיר שוין אַ צוואַנציק חדשים. יע, מײַנע ייִדן, מײַן ווײַב און איך. אונטן, אין אַ פֿוקסנהייל באַקט זי בולבעס און איך, אויבן, זאָג תהילים. אַ דאַנק דיר, גאָטעניו, וואָס איך בין ניט אײַנגעשלאָפֿן, אַ נס, אַ נס. וואָלט איך ניט געזאָגט תהילים וואָלט איך דאָך אײַנגעשלאָפֿן און די זעג אײַערע וואָלט מיך דעמאָלט צעשניטן.

"Hey!"
"What's the matter, Yoachim?"
"Hush. In front of us there . . . our tree . . ."
"You're imagining things."
"No. You can recognize this tree at night. See—there's a golden veil around it."

We approach it and Yoachim is right: a thick, gnarled and rotting oak tree, without a trace of life.

"It'll be enough for roasting a herd of oxen, it's as dry as pitch." Yoachim swings the axe into the tree.

Once again I consider our prey and the saw flies from my body with two steel wings.

"Yoachim, this tree is enveloped in smoke. My eyes are tearing."

"Why, he can't tell the difference between mist and smoke! In the springtime mists wander around like people, and their tired feet rest on the trees. Let's have the saw and get moving!"

The saw bites into the oak and the snow underneath becomes sprinkled with purple sawdust.

"Yoachim, can a mist be bitter? A heart, perhaps, but not mist . . ."

Yoachim wipes his eyes with his sleeve, and the saw sticks in the tree like a ship between icefloes.

We step away from the oak and wash our stinging eyes out with snow.

"What do you say now, Yoachim? In the springtime mists wander around like people . . ."

But the blacksmith of Zosle insists: "Bitter mist. Let's keep sawing!"

We keep sawing and sawing and suddenly, incredibly, from the dead tree—a live melody.

A Jew appears under the dangling bark in a prayer shawl, and his smile is the same bilious green as the sun that refuses to set.

"We've been living in this tree, my fellow Jews, for twenty months. Yes, my wife and I. She bakes potatoes in a foxhole down below, and I recite the psalms up here. Thanks to you, dear God, I didn't fall asleep. A miracle. If I hadn't been reciting the psalms I would have fallen asleep, and your saw would have cut me in two."

## אַ לוויה אין רעגן

אַ מאַן מיט אַ שווערן זאַק אויף דער פּלייצע דערנענטערט זיך צו אַ פֿינצטערער שטאָט אין אַ גאָסרעגן. אַ בליץ — דאָס בלוט פֿון אַ צעשפּאָלטענעם שפּיגל — צינדט אָן דעם רעגנס פֿלייצנדיקע זײַלן. צווישן זיי — דער מאַן מיטן שווערן זאַק.

אַ שוואַרצע האַלבע לבֿנה, באַזיימט מיט גליִענדיקע ראַנדן, אַזוי זעט ער אויס.

ניין, אַזאַ רעגן־טעם האָט זײַן צונג נאָך קיין מאָל ניט געפֿילט. ניט קיין רעגן — אַ הימלישער כּישוף־מאַכער האָט צעשמאָלצן די צײַט! נעכטן, הײַנט, מאָרגן — ניטאָ, ניטאָ. דער פֿרילינג פֿון אָדם הראשון און דער ווינטער פֿון אָדם האַחרון זענען צעשמאָלצן אין אַ ריזיקן קעסל וואָס איז אויסגעשמידט פֿון וואָלקנס. דער קעסל האָט געפּלאַצט. און די צעגאַנגענע צײַט מבולט אַכזריותדיק איבער דער ערד, און באַלד־באַלד וועט זי פֿאַרשלינגען דעם גייער מיט זײַן שווערן זאַק אויף דער פּלייצע.

ער קאָן ניט לייקענען: די פֿיס גייען, עס גייען די פֿיס און עס גייט דער רעגן. אַ סימן, ברודערקע, אַז אָרט איז נאָך אַלץ אויפֿן אָרט, אַז אַ שפּליטער פֿון דער צײַט־נשמה איז ערגעץ פֿאַרבליבן. ניט סתם ערגעץ — נאָר טאַקע אין זײַן ברוסט. קלאַפּ־קלאַפּ — די צײַט אַרבעט. צײַט און אָרט האָבן זיך, קענטיק, ליב. דער שׂכל דער נאַרישער קאָן זיי ניט צעשיידן...

אַ גראָע צעכוואַליעטע וואַנט, ווי אין דער וואַנט וואָלטן זיך געטרונקען וועלף, שווימט אַרויס הינטער די זײַלן פֿון רעגן.
— דער מאָנאַסטיר פֿונעם הייליקן פּאַוועל.

דאָ, אין מאָנאַסטיר, אין געוועלבטן רויט־ציגלדיקן קאַמער פֿון דער שוועסטער אורשוליאַ, טרעפֿן זיך וואַלדמענטשן. אַ מאָל אַנטרינט אַהער אַ פֿאַרמישפּטער, מיט קוילן אין לײַב, וואָס אין מיטן פֿלי האָבן זיי חרטה געהאַט... אַ מאָל — אַ טיפֿוס־קראַנקער, אין אַ צעפֿליקטן סאָלדאַטסקן שינעל ווי אַ צעשאָסענע פֿאָנע, וואָס בלויז דער אָדלערל אויף זײַן איינציקן קנאָפּ טראָגט אים נאָך אויף זײַנע זוניקע פֿליגל.

דאָ, אין מאָנאַסטיר, האָט אים אורשוליאַ געראַטעוועט. שפּעטער איז זי געוואָרן די פֿאַרבינדלערין מיטן וואַלד און ער, דער מאַן מיטן זאַק, פֿלעגט קומען אַהער נאָך ידיעות.

## A FUNERAL IN THE RAIN

A MAN with a heavy sack on his back approached a darkened city in the pouring rain. Lightning—the blood from a cracked mirror—illumined the streaming pillars of rain. Among them—the man with the heavy sack.

He looked like a black half moon trimmed with glowing edges.

His tongue had never tasted such rain before. It wasn't rain—a heavenly magician had melted down time! Yesterday, today, tomorrow, were gone. The springtime of the first human being and the winter of the last had melted together in a huge cauldron forged out of clouds. When the cauldron burst, molten time flooded brutally over the earth, and would soon overtake the traveler with his heavy load.

He could not deny that his feet were moving. His feet continue and the rain continues. It's a sure sign, buddy, that space is still in its place, that a splinter of the time-soul persists somewhere. Not just anywhere, but inside his own breast. Tick-tock. Time was at work. Time and space would seem to be fond of one another. The foolish intellect can't separate them . . .

A grey undulating wall, as though wolves were drowning within it, drifted out from behind the pillars of rain.

The Monastery of Saint Paul.

Here, in the monastery, in the vaulted, red-brick chamber of Sister Ursula, people of the forest came to meet. Sometimes a man condemned to death escapes here with bullets in his body that suffered regret in mid-flight . . . Sometimes—a typhus victim in a tattered soldier's cloak like a shot-up flag, with only the eagle on his one remaining button carrying him along on its sunny wings.

Here, in the monastery, Ursula had saved his life. Later she became his liaison with the forest, and he, the man with the sack, would come here for news.

ער געדענקט, אַז לינקס, בײַם צעשויבערטן וועלדל, איז דאָ אַ קאַנאַווע אונטער דער וואַנט, וואָס איז פֿול מיט בריִענדיקע קראָפּעווע. דורך דאַנען באַקומט מען זיך אַרײַן אין הויף.

אַצינד וואָלט ער גרײַלעך וועלן, אַז קראָפּעווע זאָל אים בריִען און ברענען די פֿיס, די הענט, דעם זכּרון — אַבי אים זאָל וויי טאָן. זענען דווקא אירע גלאָזיקע נעדלעך באַהאַלטן פֿון רעגן... אוי, ברודערקע, ווי עס בענקט זיך אַ מאָל נאָך ווייטיק. נאָך אמתן, געשמאַקן ווייטיק! דאָס קאָן בלויז פֿאַרשטיין אַ געליימטער, וואָס די נעגל פֿון זײַנע פֿינגער זענען איבערגעצויגן איבערן גאַנצן לײַב.

דאָס זיבעטע פֿענצטערל. זעקס. זיבן. און אָנקלאַפּן צו דער שוועסטער אורשוליאַ דאַרף מען זיבן מאָל.

פּאַוואָליע עפֿנט זיך אַ בלײַענע טיר.

אַ געלע, דערשראָקענע ליכט, מיט אַ וואַקסענעם פֿײַערל — בינען זענען אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים פֿון זייער זשומענדיקן וואַקס, — בלאָנדזשעט הינטערווײַלעכץ אין פֿינגער דינע, איידעלע פֿון אַ גליקלעך־דערשראָקענער פֿרוי און מאָלט־אויס אויף די רויטע קוואַדראַטענע ציגל פֿון קאָרידאָר אַ געדרייטן, וואַסערדיקן שטעג.

די יונגע פֿרוי, זײַן רעטערין, אין אַ נעפּלדיק־צעפֿאָלדעוועט נאַכטהעמד, שוועבנדיק אַהינטער, מיט די אויגן צום גאַסט, זעט אויס אין קאָרידאָר ווי אַ רוסאַלקע אין פּערל, וואָס טונקט זיך, שווימט און מאַניעט אים פֿון טונקל־ברענענדיקע כוואַליעס. און ער, מיטן זאַק אויף דער פּלייצע — אַ פֿישער מיט אַ נעץ...

ער לאָזט איבער דעם זאַק אין אַ נישע פֿון קאָרידאָר און די שמאָלע טיר פֿון אורשוליאַס קאַמער, אַ צודעק פֿון אַ דעמבענער טרונע, ווערט פֿאַרהאַקט הינטער ביידן.

— קאָליאַ, וואָס איז געשען. זעסט דאָך אויס ווי דײַן זיידע?

קאָליאַ, אָדער קאָפּל, ווי מ'האָט אים גערופֿן אין שטוב, ציט זיך אויס אויפֿן דיל, אין אַ ווינקל, מיט די האָריקע הענט איבערן קאָפּ — ער, דער קאָפּ, זאָל ניט אַנטלויפֿן.

— גערעכט, אורשוליאַ, איך זע אויס ווי מײַן זיידע, ווײַל די אייביקע יונגשאַפֿט איז אַרײַן אין דיר.

זי ברענגט אַ האַנטעך, אַ פּעקל בגדים.

— טו זיך איבער. די קליידער זענען דײַנע. האָסט זיי דאָ איבער־געלאָזן מיט אַ יאָר צוריק.

— אורשוליאַ, וויפֿל איז דער זייגער?

— צוויי.

— אַ דאַנק, ניט כּדאַי בײַטן די קליידער. אין אַ שעה אַרום וועל איך ציִען ווײַטער. זעסטו, אַ גלעזל מילך...

ווען אורשוליאַ קומט מיטן גלעזל מילך, שלאָפֿט שוין קאָפּל אַ געשמידטער אין זיסע קייטן.

זי פֿאַרלייגט זײַנע אָפּהענטיקע הענט אַרום איר נאַקעטן האַלדז און ברענגט אים, עלעהיי אַ האַלב דערטרונקענעם, צו דעם אינדזל פֿון איר בעט.

אירע ליפּן, שפּיציק־וואַרעמע, שפּרינגען איבער זײַן ביינערן פּנים, ווי פֿייגעלעך וואָס קאָנען נאָך ניט פֿליִען — איבער דערנער.

ס'נאַכטהעמד נעפּלט פֿון איר אַוועק. איר זוניק לײַב טריקנט אויס פֿון זײַן געביין דעם רעגן.

— קאָליאַ, כ'האָב דיך פֿריִער געזען אין חלום. ביסטו איינער צי צוויי? ניין, ביסט איינער, בלויז דעמאָלט ווען דו ביסט ניטאָ ביסטו צוויי.

ס'פֿײַער פֿון ליכט — אַ קאַרליק מיט אַ ברענענדיקן הויקער — פֿאַרזינקט אַלץ מער אין זײַן וואַקסענעם קבֿר.

— בלויז דעמאָלט ווען דו ביסט ניטאָ ביסטו צוויי...

דער רעגן טוט אַ זעץ אין שויב מיט זײַנע בלײַענע פֿויסטן.

אַ זעץ אין קאָפּלען.

זײַנע וויִעס פּלאַצן.

ווער טוליעט אים? ווער זייגט דעם סם פֿון זײַנע גלידער? אוי, ער קאָן נאָך פֿאַרשפּעטיקן!

ער באַפֿרײַט זיך, קאָפּל, פֿון איר זוניקן צויבער, שפּרינגט אַרויס פֿון בעט, קומט צו לויפֿן מיטן זאַק, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אין קאָרידאָר, און געשווינד גיט ער אים אַ לייג אויפֿן געלעגער.

אורשוליאַ פֿאַלט צו זײַנע פֿיס מיט אַ געוויין:

— מײַן זאַק מיט זינד, מײַן זאַק מיט זינד!

— אורשוליאַ, ניט דײַנע די זינד, קאָנסט זיך איבערצײַגן.

אַ יונגע אַנטבלויזטע פֿרוי אין אַלט־גראָען פֿאַררייכערטן גאָלד פֿון דער קאַפּטשענדיקער ליכט, אויפֿן הינטערגרונט פֿון רויטע ציגל, בינדט פֿונאַנדער אין בעט, זיך שטיקנדיק פֿון טרערן, דעם ערדענעם צעאַקערטן זאַק און פּלוצעם דערלאַנגט ער זי פֿון זיך אַ שלײַדער ווי אַן עלעקטרישער שטראָם —— און אַ מתים־ריח גיט אַ שלאָג אין קאַמער:

He remembers that to the left, near the neglected grove, there was a culvert under the wall, full of stinging nettles. That was the entrance to the yard.

Right now he longed to be stung and burned by those nettles, his feet, his hands, his memory—anything to feel some pain. As if in spite, the glassy needles are hidden from the rain . . . Oh, buddy, how we sometimes long for pain, for real, savory pain! Only a paralytic could understand that, someone whose fingernails had grown to cover his entire body.

The seventh window. Six. Seven. Knock seven times for Sister Ursula.

Slowly a lead door swung open.

A yellow frightened candle with a waxen flame—bees resurrected from their buzzing wax—faltered in the thin, delicate fingers of a surprised woman, and traced a twisted, watery path along the red square bricks of the corridor.

The young woman, his savior, in a flowing nightdress, moving backward in the corridor with her eyes on her visitor, looked like a mermaid of pearl, diving, swimming, and luring him from the dark burning waves. He, the man with the sack on his back—a fisherman with a net.

He left the sack in a niche of the corridor and the narrow door of Ursula's chamber, the cover of an oak coffin, shut behind them.

"Kolya, what's happened? You look like your own grandfather."

Kolya, or Kopl as he was called at home, stretched out on the floor in a corner, with his hairy hands over his head lest it run away.

"You're right, Ursula. I look like my grandfather because eternal youth is yours."

She brought him a towel and a bundle of clothes.

"Change into these. They're your clothes. You left them here a year ago."

"Ursula, what time is it?"

"Two."

"Then there's no need to change, thanks. In an hour I'll have to move on. Now, a glass of milk . . ."

When Ursula returned with the milk, Kopl was already asleep, a captive in sweet chains. She folded his lifeless hands around her neck and dragged him, as if half-drowned, to the island of her bed.

Her lips, warm and pursed, skipped over his bony face like birds that cannot yet fly—over thorns.

The nightgown fell from her like a mist. Her sunny body dried the rain from his bones.

"Kolya, I saw you before in my dream. Are there one or two of you? No, only one. There are two of you only when you're not here."

The flame of the candle—a midget with a burning hump—sunk ever deeper into its waxen grave.

"There are two of you only when you're not here . . ."

The rain punched against the windowpane with leaden fists.

It struck Kopl. His eyelids burst open.

Someone was caressing him. Someone was sucking the poison from his limbs. Hey, he might be late!

Kopl freed himself from her sunny magic, jumped off the bed, brought in the sack that he had left in the corridor, and quickly hoisted it upon the cot.

Ursula fell at his feet with a cry: "My bag of sins! My bag of sins!"

"Ursula, they're not your sins. See for yourself."

The young woman in the ancient-grey smokey gold of the sputtering candle, against the background of red brick, choking back her tears, untied the earth-encrusted sack on the bed. All at once it sent her reeling like an electric current—and a smell of corpses filled the room.

ער געדענקט שוין אַליין ניט ווער ס'האָט אים פֿאַרטרויט די געהיימעניש. קאָן זײַן אַ חלום.

אַ חלום־קאַרליק, אויף קוועקזילבערנע פֿיסלעך, האָט זיך אַרײַנגעגנבֿעט אין זײַן נשמה, דורך אַ פֿענצטערל אַזאַ, וואָס ער האָט פֿאַרגעסן אינעווייניק צושליסן און אים דערציילט דעם סוד.

ס'קאָן אויך זײַן, אַזוי מיינט ער, אַז דער זקן, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ אוהל אויפֿן בית־עולם און געוואָרט ביזקל זײַן לאַנגע פּורפּורנע באָרד, ווי אַ צווײַג ראַבינעס, וועט אַרײַנוואַקסן אין דער ערד און אים צוואָרצלען צו די טויטע — האָט עס אים דערציילט מיט זײַנע שטאַמלענדיקע ליפּן.

און אפֿשר — ער קאָן ניט שווערן אַז נ י ט — האָט דעם סוד אים אויסגעקלאָגט אויף מאַמע־לשון אַ קוקאַווקע.

ער געדענקט ניט ו ו ע ר, נאָר עמעץ האָט אים אין יענער צײַט אַרײַנגעשושקעט, אַז דאָרטן־און־דאָרטן, אויף טאָטערשע גאַס אין אַ ברונעם, איז באַהאַלטן אַ קעסטעלע פֿון פּימסנהאָלץ, וואָס איז פֿול מיט די טײַערסטע דימענטן — איינציקע אין דער וועלט.

דער פֿײַערדיקער עק פֿון מלחמה האָט זיך נאָך געצויגן דורך דער טויטער שטאָט, ווי אַ ריזיקע, פּרעהיסטאָרישע באַשעפֿעניש.

די שוואַרצע פלעצער פֿון אָפּגעברענטע טויערן האָבן באַלאַגערט ליימיקע וואלקנס, גלײַך די וואלקנס וואלטן אַראָפּגענידערט אָפּצובויען די שטאָט...

אין איינער אַ נאַכט האָט דער מענטש, אָנגעטאָן אין פּאַפּירענע בגדים, וואָס ער האָט געהאָט פֿאַר זיך אויפֿגענייט פֿון שמות פֿון הייליקע ספֿרים, זיך געלאָזן פֿון בית־עולם צו טאָטערשע גאַס אויפֿצוזוכן דעם ברונעם.

ווײַל כאָטש ער איז געווען עלנט ווי אַ פֿינגער, האָט די מעשה מיטן קעסטעלע פֿון פּימסנהאָלץ דערוואָרעמט זײַן געביין.

לאַנג זוכן דעם ברונעם האָט ער ניט באַדאַרפֿט. די לבֿנה האָט מיט בליציקן שימל אַרומגעלעקט זײַנע ווענטלעך און דערבײַ איז געלעגן דער ברונעמשטאַנג, ווי אַ תּליה וואָס קניט פֿאַרן געהאַנגענעם.

און דער מענטש האָט אַרײַנגעקוקט אינעווייניק און גאָרנישט ניט געזען, ווײַל זײַן פּנים איז באַפֿלעקט געוואָרן פֿון שפּינוועבס בײַם בייגן זיך איבערן מויל פֿון ברונעם.

האָט ער צעריסן אויפֿן פּנים די בלינדע שפּינוועב־נעץ און אַרײַנגעוואָרפֿן אין ברונעם אַ שטיין אויסצומעסטן, וועדליק דער צײַט פֿון זײַן פֿאַלן, די טיפֿעניש.

דער שטיין האָט אים געענטפֿערט.

און דעמאָלט האָט ער פֿון בוזעם אויסגעפּלאָנטערט אַ שטריק, זי פֿאַרקניפּט אַרום אַ האָק און ווי אַ קוימען־קערער אין אַ קוימען זיך אַרונטערגעלאָזט אין ברונעם.

לעבלעך איז געווען דאָס וואַסער ווי דאָס האַרץ פֿון אַן אַקאָרשט געשטאָרבענעם.

און ערשט דעמאָלט ווען די לבֿנה, ווי אַ פּערלנע טורקלטויב, האָט אַרויסגעפֿליגלט מיט אַ זיפֿץ פֿון ברונעם, האָט דער מענטש אויסגעפֿונען אונטערן וואַסער דאָס קעסטעלע פֿון פּימסנהאָלץ, אין בוזעם עס באַהאַלטן, און זײַנע ביינער האָבן געזונגען בײַם אַרויפֿציִען זיך אויבן.

דער מאָרגן־שטערן איז געהאַנגען איבער דער געגנט ווי אַ טראָפּן בלוט.

און דער מענטש איז געלאָפֿן איבער טליִענדיקע האָלאָוועשקעס, ביז וואַנען ער איז דערלאָפֿן צום אַלטן בית־עולם.

ערשט דאָרטן, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, און מיט אויגן ווי ווילדע מאָנבלומען, האָט ער אין ביידע הענט אַרײַנגענומען דעם אוצר און עס געהאַלטן אַנטקעגן.

און ער האָט דערזען אַ — שאַרבן.

אַ שאַרבן ווי אַלטער פּאַרמעט, מיט שטוינענדיקע צוויי לעכער און מיט אַ קלוגן, לעבעדיקן שמייכל, האָט אים אָנגעקוקט אין דער מפּולת און — ניט אויסגערעדט קיין וואָרט...

— שאַרבן, ווי איז דײַן נאָמען?

און אַז די ציין די פֿאַרביסענע פֿונעם שאַרבן האָבן אויף דעם ניט געענטפֿערט, האָט דער מענטש מער ניט אויסגעהאַלטן און אים אַ שלײַדער געטאָן אַן דר'ערד ווי משה די לוחות.

נאָר באַלד איז אים געקומען אויפֿן רעיון, אַז דער שאַרבן איז ענלעך צו זײַן טאַטן.

האָט ער באַדעקט מיט קושן דעם לעבעדיקן שמייכל און זײַנע פֿײַערדיקע טרערן האָבן זיך איבערגעגאָסן אין דעם שאַרבנס לעכער. בײַם קושן אים האָט ער דערפֿילט אַ היימישקייט. אַ וואַרעמער ניגון האָט זיך צעשפּילט אין זײַנע אָדערן.

אָבער פּלוצעם האָט אים אַ וויסטער כּוח אַ זעץ געטאָן אַהינטער:

— ניין, ס'איז ניט דער טאַטע, יענער האָט אַזוי ניט אויסגעזען.

און ער האָט נאָך אַ מאָל אין ביידע הענט אַרײַנגענומען דעם שאַרבן און ווי אַ הונט אַ צעשלאָגענער דערלאַנגט אַ וואָיע:

—ווי — איז — דײַן — נאָ — מען?

און דעמאָלט האָט דער מענטש דערהערט זײַן אייגענעם נאָמען.

און ער האָט דערפֿילט, אַז דער קאָפּ, וואָס ער טראָגט שוין אַזוי פֿיל יאָרן אויף די אַקסלען, איז ניט זײַנער.

האָט ער אויף זײַן קאָפּ אַרויפֿגעטאָן דעם שאַרבן, און צוהאַלטנדיק אים אַזוי מיט ביידע הענט, אין די פּאַפּירענע בגדים, וואָס ער האָט געהאַט פֿאַר זיך אויפֿגענייט פֿון שמות פֿון הייליקע ספֿרים — האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן איבער דער טויטער שטאָט צו באַגעגענען די גאולה.

## THE BOX OF GOPHERWOOD

HE HIMSELF no longer remembers who let him in on the secret.

It may have been a dream. A dream-midget on feet of mercury had stolen into his soul through a tiny window, one that he had forgotten to lock from the inside, and told him the secret.

Or it may have been the old man who went into hiding in a tomb in the cemetery, waiting for his long scarlet beard, like a branch of rowan-berries, to grow into the earth and root him to the dead, who told it to him with his stammering lips.

And maybe—he can't swear to the contrary—a cuckoo clucked him the secret in mother-tongue.

He can't remember who, but someone during that period had whispered to him that in such and such a place, on Tatar Street inside a well, lay a hidden box of gopherwood filled with the most precious diamonds, utterly unique.

The fiery tail of war still dragged through the dead city like a gigantic prehistoric creature.

The black spaces of burnt-out walls were besieged by clay clouds, as though the clouds had come down to rebuild the city.

One night, the man, dressed in paper clothes that he had sewn for himself out of pages torn from the holy books, set out from the graveyard to Tatar Street to find the well. Because although he was lonely as a finger, the story of the gopherwood box warmed his bones.

He didn't have to search long for the well. The moon was lapping its sides with flashes of mold and beside it lay the wellbeam, like gallows kneeling before a hanged man.

The man looked inside and saw nothing because his face was covered with sticky spiderwebs when he bent over the mouth of the well.

So he tore the blind spiderweb-net from his face and threw a stone down the well to measure the depth according to the length of its fall.

The stone answered.

Then he untangled a rope from his bosom, knotted it around a hook, and like a chimneysweep in a chimney, lowered himself into the well.

The water was tepid like the heart of one who has just died.

It was only when the moon, like a pearly turtledove, fluttered from the well with a sigh, that the man finally located the gopherwood box under the water and hid it in his bosom, his bones singing as he drew himself up.

The morning star hung over the region like a drop of blood.

The man ran over glowing embers until he reached the old cemetery.

There, his heart pounding, his eyes like wild poppies, he took the treasure into both hands and held it before him.

What he saw was—a skull.

A skull like old parchment, with two astonished holes and an intelligent human smile stared at him in the ruins and said not a word . . .

"Skull, what is your name?"

When the clenched teeth of the skull refused to answer, the man couldn't contain himself and dashed it to the ground, as Moses had done with the Tablets . . .

But then it occurred to him that the skull had resembled his father.

So he covered the human smile with kisses, and his burning tears spilled into the holes of the skull. Kissing it, he felt a comfortable warmth. A warm melody began playing through his veins.

All at once he was struck by a desolate thought:

No, this wasn't his father, this is not what he looked like.

And again he seized the skull in both hands, and like a whipped dog, howled:

"What—is—your—name?"

Then the man heard his own name.

And he felt that the head he had been wearing on his shoulders for so many years was not his own.

He placed the skull over his head, and holding it fast with both hands, in the paper clothes he had sewn for himself out of pages from the holy books, set out across the dead city to greet the Deliverance . . .

אַז באָמקע, נאָך אַ יאָר פֿינצטערניש, האָט אין דער באַפֿרײַטער שטאָט זיך אַרויסגעהויבן פֿון די קאַנאַלן, האָט ער דערמאָנט אָן אַ בירגער פֿון פּאָמפּיי, וואָס די לאַווע האָט אים באַגאָסן מיט צעשמאָלצענע דימענטן.

זײַנע דינע, דורכזעעוודיקע פֿיס, לעבעדיקע טיילן פֿון אַ טויטער שפּין, זענען שטיין געבליבן אין אַ שמאָל געסל — אַ שוואַרצער אָרון.

די זון איז אים באַפֿאַלן ווי אַ היישעריק.

מויערן פֿון בײדע זײַטן געסל — שפּילצײַג פֿון דער קינדהייט.

ראָז און ראָז אין אַ וועלט פֿון ראָזקייט.

ס'האָט אים ווער אַ צי געטאָן בײַם אַקסל. אַ דריי דעם קאָפּ — אַ מײַזעלע.

—אָך, דאָס ביסטו, פֿאַרבענקט זיך נאָך באָמקען? ווײַזט אויס, ניט פֿאַראַן קיינער, וואָס זאָל דיר זינגען אין קאַנאַל אַ זמרל? נו, מיר וועלן בלײַבן גוטע פֿרײַנד אויך דאָ. זע נאָר ווי ראָז די מויערן! פֿון וואַנען אַזאַ ראָזקייט?.. און באָמקע צערטלט זי, די גראָינקע, אויף זײַן אַקסל. דערמאָנט זיך, אַז אַ מאָל פֿלעגט ער אַזוי האָלובען זײַן בלימעלען.

בײַם קלאַנג בלימעלע פֿאַרשווינדט די ראָזקייט. די מויערן — ניט קיין שפּילצײַג נאָר ליימענע סקעלעטן. איבער זיי שוועבט אַ וואָלקנדל — אַ מלאך מיט פֿאַרסאַזשעטע פֿליגל.

— באָמקע — צופּט אים דאָס מײַזעלע — און וואָס ווײַטער?

זײַן זכּרון — אַ שטעג צווישן זאַנגען. די זאַנגען שנײַדט מען, און מיטן אויסשנײַדן — ניטאָ דער שטעג.

— באָמקע, ביסט אַ מײַזעלע ווי איך, ניט פֿאַר דײַנטוועגן די באַפֿרײַטע שטאָט. ווו איז די נקמה?

דער מלאך מיט די פֿאַרסאַזשעטע פֿליגל טראָגט אַוועק דאָס געסל — דעם שוואַרצן אָרון.

אַנטקעגן, ווי די קאָרעטע פֿון אַ טײַך אָן אויסגעטריקנטן, מיטן זאַמדיקן זילבער פֿון טויטע פֿיש, אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אים אַ מגושמדיק ברייטע גאַס אָן אַ לעבעדיק הויז בײַ די קאַנטן, און איבער איר מאַרשירן די נײַע סאָלדאַטן מיט אַן אָרקעסטער, וואָס דערלאַנגט אַזאַ מעשענע מוזיק, ווי דונערן וואָלטן טאַנצן אויף אַ חתונה.

ווען דער אָרקעסטער אין איינעם מיט די סאָלדאַטן ווערט נעלם, בלײַבן נאָך זײַנע קלאַנגען — שטויבזײַלן פֿון צעהאַקטן שטיינקויל. באָרוועסע יִינגלעך, מיט קורצע, פֿאַררויכערטע ביקסלעך אין האַנט, פֿירן צווישן די זײַלן אַ געבונדענעם פֿאַרשוין.

— ווער איז דער בר־מזל? — שטעלט באָמקע אָפּ אַ דערבײַיִקן.

— אַ פֿויגל מיט קעשענעס. דער פֿריִערדיקער תּלין פֿון שטאָט. מע פֿירט אים הענגען.

— אַזוי, דער תּלין, מײַן תּלין?

און באָמקע נעמט יאָגן איבערן ברוק און יאָגט אָן דעם „פֿויגל מיט קעשענעס".

נאָר איינער וואָס פֿירט דעם געבונדענעם, אַ יִינגל אין אַ באַראַשקענער פּאָפּאָכע, מיט אַ פּנים אין גרינע זומער־שפּרינקלעך, ווי די זון וואָלט אים באַלויכטן דורך אַ נעץ, שטעלט אָן זײַן ביקסל אַנטקעגן באָמקען.

— בירגער, וווּהין?

— זען דעם תּלין.

— דאָ — ניט. אין בערנאַרדינער גאָרטן.

דער זכּרון, אַ מאָלער, מישט אין באָמקען זײַנע פֿאַרבן. ער מישט זיי אויף דער פּאַליטרע ווי נשמות. און מיט אַ לאַנגן בליץ טונקט ער אין זיי און מאָלט, מאָלט:

...אַ מאַרצאָווע נאַכט. בײַם פּויער אין דער כאַלופּע, וווּ ער מיט בלימעלען באַהאַלטן זיך, שלאָגט אַרויס אַ פּאָזשאַר. קעץ יאָמערן אין משוגענער זיסקייט. מיטן קינד אין בוזעם ווי אַ קענגור, שפּרינגט באָמקע פֿונעם בוידעם אין אַ בערגל שניי. זייערע קוועקזילבערנע שאָטנס ווילן אָניאָגן אַ צווייטע וועלט. די צווייטע וועלט איז אויפֿן אַנדער ברעג טײַך. נאָר הײַנטיקע נאַכט איז באַלעבאָס דער טײַוול. דער אײַזדעק פֿונעם היימישן טײַך — פּלאַצט. פּלאַצט פֿון געלעכטער. ווי אָקסן בײַם דערשמעקן בלוט רעווען זײַנע קריִעס; און איבער זיי — באָמקע און בלימעלע. די טריט געמאָסטן און געוווויגן ווי אוצרות. אַ קריִעלע צעוויינט זיך מיט אַ קינדיש געוויין. נאָר טײַוול צו דאַנקען! — אַריבער, אַריבער!

זייער שאָטן אויפֿן ברעג — ווער האָט אָפּגעטאָן אַ כּישוף מיט זייער שאָטן? אַ שאָטן מיט פּיאַווקענע אויגן, אַ שאָטן מיט אַ לעמפּל!

...אַרום אַ קאַרשנבוים ווי אַ ליוסטרע — צוויי תּליות. דער, וואָס מע פֿירט אים איצט אַ געבונדענעם, הענגט צו ערשט בלימעלען. ווי אַ פֿרילינג־בלימעלע צאַפּלט זי אין דער יום־טובֿדיקער בלאָקייט. און איבער איר — שוואַלבן. צוויטשערדיקע שוואַלבן.

ווען ער הענגט באָמקען — רײַסט זיך אָפּ די שטריק, און אַ גאָלמעסער פֿאַלט אַרויס פֿון זײַן קעשענע.

## BOMKE

WHEN BOMKE, after a year in darkness, emerged from the sewers into the liberated city, he brought to mind a citizen of Pompey whom the lava had coated with melted diamonds.

His thin, transparent legs, living parts of a dead spider, came to a stop in a narrow lane—a black coffin.

The sun attacked him like a locust.

Walls on either side of the lane—the playthings of his childhood.

Rose and rose in a world of rosiness.

Someone tugged at his shoulder. He turned his head to see a mouse.

"Oh, it's you! Were you lonesome for Bomke? I guess there's no one left to sing you a song in the sewer. Well then, we'll stay good friends here too. Just look at how rosy the walls are! Where does all this rosiness come from?"

Bomke patted the little grey creature on his shoulder and remembered how he used to caress his little Blossom in just the same way.

At the sound of "Blossom" the rosiness disappears. The walls are no longer playthings but skeletons of clay under a drifting cloud—an angel with sooty wings.

"Bomke," the mouse nudges him, "what now?"

His memory—a path among stalks. The stalks are being cut down and as they fall away the path disappears.

"Bomke, you're a mouse like me. The liberated city isn't meant for you. Where's your revenge?"

The angel with sooty wings carries off the lane—the black coffin.

Facing him, like the trough of a dried-up riverbed, with the sandy silver of dead fish, lies too broad a street, without a single house at its edges. Down the length of it the new soldiers are marching, with a band that gives off a tinny music, as though thunder were dancing at a wedding.

When the band and the soliders are out of sight, only the sounds remain—dustpillars of chipped coal.

Barefoot boys with short smoking rifles in their hands lead a fettered prisoner between the pillars.

"Who is that lucky guy?" Bomke stops an onlooker.

"A bird with pockets. The former executioner of the city. They're going to hang him."

"Really? The hangman? My hangman?"

Bomke races across the pavement and overtakes the 'bird with pockets.'

But one of those in charge of the prisoner, a boy in a lambskin jacket, with a face of freckled green as though the sun were shining on it through a net, points his rifle at Bomke.

"Citizen, where are you going?"

"To see the hangman."

"Not here. In the Bernadine Garden . . ."

His memory, an artist, mixes its colors inside Bomke, mixes them like souls on a palette, and with a long lightning bolt dips into them and paints:

A March night. In the farmer's hut where he and Blossom are hiding, a fire breaks out. Cats meow with maddening sweetness. With the child in his bosom, like a kangaroo, Bomke leaps from the attic into a snowdrift. Their quicksilver shadows want to overtake another world. The other world is on the other side of the lake. But tonight the devil reigns. The ice cover of the familiar lake cracks. Cracks with laughter. Like oxen smelling blood, the icefloes bellow, and over them—Bomke and Blossom, their steps measured and weighed like treasures. An icefloe cries out with an infant's cry. But thank the devil!—they make it to the other side.

Their shadow on the shore—has someone cast a spell over their shadow? It is a shadow with leech's eyes, a shadow with a lamp!

From a cherry tree like a chandelier—two nooses. The one who is now being led prisoner hangs Blossom first. Like a vernal blossom she quivers in the festive blue. Over her—swallows, twittering swallows.

When he hangs Bomke—the rope tears, and a razor falls from his pocket.

— ווי אזוי האסטו באהאלטן דעם גאלמעסער? — פֿרעגט דער תּלין.
— ס'איז מײַן געהיימעניש.
— באנוצן קאנסטו אים?
— יע...
— בלײַבסט לעבן. איך באדארף א גאלער.
און אט זייפֿט ער אים די מארדע, דעם תּלין, און פֿירט מיטן גאלמעסער.
ווען עס קומט צום גאנערדיקן האלדז, טוט זײַן האנט א ציטער.
— דיר גלוסט זיך איבערשנײַדן, הא?
— איך לייקן ניט.
— איז וואס? מורא, האסט מורא?
— ניין, אזא נקמה איז קיין נקמה ניט, ס'איז א צו קליינע.
און ווײַטער, ווײַטער גאלט ער דעם תּלין, ביז איין מאל, ווען יענער הוליעט אויף א באל, געראט באמקען צו אנטרינען אין „געהיים־שטאט".

"How did you hide this razor?" the hangman asks.
"That's my secret."
"Can you use it?"
"Yes . . ."
"Then you stay alive. I need a barber."
And soon he was soaping the hangman's face, scraping it with his razor. When he came to the gooselike neck, his hand trembled.
"You'd like to cut right through, eh?"
"I won't deny it."
"Well then? Scared? Are you scared?"
"No. That sort of revenge would be no revenge at all. It's too puny."
And so he continued as the hangman's barber until, once, when the other was carousing at a party, Bomke managed to escape into the secret city of the sewers.

אין בערנארדינער גארטן, צווישן אקאציעס, קווענקלט זיך באמקע. בײַ א קליאן, מיט א שטריק אויף די צווײַגן — דער פֿארמישפּטער תּלין.
— באמקע — פֿרעגט אים דאס מײַזעלע — וואס האסטו דעמאלט געמיינט: "אזא נקמה איז קיין נקמה ניט, ס'איז א צו קליינע"?
— כ'האב געמיינט... איך האב דעמאלט געמיינט...
צום טײַוול! ער קאן ניט ענטפֿערן.
נאר באלד — א מאדנער אײַנפֿאל, א געדאנק ווי א פֿאלנדיקער שטערן:
ער וועט צולויפֿן צום ייִנגל אין דער באראשקענער פֿאפֿאכע, דערציילן אים זײַן שײַכות מיטן תּלין, און זאל ער אים אצינד דערלויבן, מיטן זעלביקן גאלמעסער, נאך א מאל דעם תּלין ארומגאלן. און לאמיר הערן איצטער דעם זיגערישן קול:
— דיר גלוסט זיך איבערשנײַדן, הא?

נאר ווען באמקע האט איבערגעלעבט די נקמה אין געדאנק, האט זיך צעלאכט דאס מײַזעלע.
און באלד איז ער אוועק פֿון בערנארדינער גארטן, אוועק צום הויז וווּ בלימעלע איז געבוירן, און איין שטארקן קוש געטאן זײַן צעפֿאלענעם רויטן ליים.

In the Bernadine Garden, among the acacia trees, Bomke hesitates. Beside a maple with a rope around its branches—the condemned hangman.
"Bomke," the mouse asks him, "what did you mean when you said that sort of revenge was too puny?"
"I meant . . . what I meant was . . ."
The devil! He can't answer.
But suddenly a strange notion, a thought like a falling star: he will run over to the boy in the lambskin jacket, tell him about his association with the hangman, and get his permission to shave him here and now, one last time with the same razor. And now let's hear that triumphant voice say:
"You'd like to cut right through, eh?"

But when Bomke acted out this revenge in his mind, the mouse began to laugh.
He left the Bernadine Garden, went to the house where Blossom was born, and left one kiss on its crumbling red clay.

## האניק פֿון א ווילדער בין

אזא וועט שוין בלײַבן די נאכט: אן אלטע, א פֿארזעסענע ביז אין גראען צאפּ ארײַן.
די לבֿנה, וואס האט אלע אירע נאענטע איבערגעלאזן אויף דער ערד און קיינעם זעט זי ניט, זאגט ווידוי אויף איר מירמלנעם טויטנבעט פֿאר דער איינציקער באשעפֿעניש אין שטאט, דעם קבֿרן ליימע, וואס קארטשעט זיך אונטן, אויף רודניצקער גאס, אין א קופּע זיפֿצנדיקע בלעטער.
ליימע, וואס זינט ער געדענקט זײַן פּנים, איז ער א קבֿרן, ער, וואס האט פֿארזייט מיט מענטשנקינדער א האלבן בית־עלמין, וועט שוין מער קיינעם ניט מקבר זײַן.
קינדער, זקנים, אלע דא געבוירטיקע, אלע זענען ארײַן אין מלכות פֿון די שטערן. צו ערשט — געווארן פֿלאמענדיקע שײַטן. ביינערנע ווינטן, אין צעפֿליקטע העמדער מיט מגן־דודס, האבן צעטראגן און צעהאנגען איבערן שארבן פֿון דער וועלט זייערע פֿונקען אין א בלוטיקער קרוין.
פֿארשעמט זײַן בית־עלמין.
פֿארשעמט די מצבֿות.
דעריבער זינקען זיי מיט געבויגענע קעפּ, עלעהיי באליידיקטע מחותּנים, ווען די כּלה איז פֿארשוווּנדן פֿון אונטער דער חופּה.
פֿארשעמט איז ליימע.
— רידל, ווּ ביסטו, מע דארף מקבר זײַן די לבֿנה...
אצינד זעט ער די לבֿנה מיט זײַן גלעזערן אויג. אויף דעם אנדערן הענגט א שלאס. דער זילבערנער שליסל איז ניט מער אויף דער־וועלט.
א מאל, א האלבן יארהונדערט צוריק, האט אים א ווילדע בין אויסגעשטאכן דאס לינקע אויג.
די מעשה מיט דער ווילדער בין איז פֿארשריבן אין א פּנקס:

אין א שיינעם זומערטאג, ווען ליימע האט אראפּגעלאזן א מת אין קבֿר, איז מיטגעפֿלויגן אין גרוב דעם בר־מינַנס נשמה פֿארשטעלט אין א ווילדער בין. באדארפֿט אײַנרוימען א סוד איידער מע געזעגנט זיך אויף אייביק.

## HONEY OF A WILD BEE

THE NIGHT will stay as it is: an old maid, grey to the tip of her braid.
The moon, having left all her near ones behind on earth and seeing no one, is making her last confession on her marble deathbed in the presence of the sole creature in the city, the gravedigger Leyme, who lies shriveled down below, on Rudnicki Street, in a heap of sighing leaves.
Leyme, who has been a gravedigger since he can remember his face, who sowed half the graveyard with the children of men, will never bury anyone again.
Children, old folk, all born here, have all entered the kingdom of the stars. First—they became flaming pyres. Bony winds, in tattered shirts with stars of David, scattered and hung their sparks around the skull of the world in a bloody crown.
His graveyard has been shamed.
The tombstones shamed.
That's why they sink with bowed heads, like insulted parents of the groom when the bride has disappeared from under the canopy.
Leyme has been shamed.
"Spade, where are you, we must bury the moon . . ."
Now he sees the moon with his glass eye. The other is overhung with a lock whose silver key is no longer in this world.
Once, half a century ago, a wild bee stung out his left eye.
The story of the wild bee was recorded in a chronicle:

One lovely summer's day, when Leyme was lowering a corpse into the grave, the soul of the dead man flew with him into the pit, disguised as a wild bee. It had to tell him a secret before parting with him forever.

ליימע, אַ פּראָסטער חי־וקים, האָט ניט באַנומען די שפּילערײַ פֿון גײַסטער. אים איז ניט געפֿעלן דער גאַנצער קונקל־מונקל, און ער האָט אַ זעץ געטאָן די בין מיט זײַן ליימיקער לאָפּעטע.

די בין האָט אַרויסגעלאָזן אַ קינדעריש געוויין. איר געשליפֿן, זוניק פּנימל האָט באַקומען דעם אַנבליק פֿונעם טויטן. אײַן מינוטקעלע שפּעטער האָט מען דערהערט אַ קוויטש. ליימע האָט זיך געכאַפּט פֿאַרן לינקן אויג, וווּ די ווילדע בין איז אַרײַן ווי אין אַ בינשטאָק; און דאָס אויג איז באַלד אויסגערונען אין אַ רויטן זשיפּענדיקן וואַקס אונטער דעם קברנס האָריקער לאַפּע.

שטאָט איז דעמאָלט געגאַנגען אויף רעדלעך. זײַן קברנשאַפֿט איז געשטאַנען אין קאָן. מ'האָט אים ניט צוגעלאָזן צו אַ חשובֿערן מת. נאָר ליימע האָט ניט נאָכגעגעבן און די "רעדלעך" זענען געוואָרן שטיל. אַ דאָקטאָר מיטן נאָמען צירולניק האָט אים אַרײַנגעשטעלט אַ גלעזערן אויג, אַזוי בלאָ און כמעט אַזוי גרויס ווי אַ הינערשער פּופּיק. און צוזאַמען מיט די גרודעס ערד אויף דעם זאַרעטשער בית־עלמין האָט ליימע באַגראָבן די מעשה וועגן דער בין.

ווינטן, ווי קעץ בײַם פּאָרן זיך, מיאַוקען אים צוקאָפּנס.
ניטאָ קיין גואל. די מתים זענען ווײַט. זאָל אים איינער צוטראָגן אַ קענדל וואַסער...
— עי, רידל, וווּ ביסטו, מע דאַרף מקבר זײַן די לבֿנה!
נאָר זײַן רידל, זײַן בית־עלמינדיקע ווײַב, קאָן ער ניט אָנטאַפּן.
שאַ. אָט וואַנדערט זײַן רידל איבער אים. וואַנדערט אַליין צווישן הענגענדיקע פֿונקען. זי גראָבט, זײַן רידל, דעם קלינגענדיקן אין־סוף.
ליימע ציט אויס אַ לאַנגע האַנט צו דער לבֿנה. לייגט צו אַ שטערן צו אירע נאָזלעכער.
דאָס זילבערנע פֿעדערל גיט זיך ניט קיין צאַפּל...

דעמאָלט — איך האָב אַליין געזען — איז די ווילדע בין אַרויס־געפֿלויגן פֿון זײַן גלעזערן אויג און אַרײַנגעשטאָכן אין מײַן האַרץ איר לעצטן פֿײַערדיקן האָניק.

1954־1953

Leyme, a simple soul, failed to understand the sporting of spirits. He didn't care for the whole hocus-pocus, and whacked the bee with his muddy shovel.

The bee gave a childish cry. Its polished, sunny face took on the dead man's expression. A second later a screech was heard. Leyme clutched his left eye, where the wild bee had entered, as into a beehive. The eye soon leaked out in a red oozing wax under the gravedigger's hairy paw.

The whole city buzzed. His gravediggership hung in the balance. He wasn't allowed near any prominent corpse. But Leyme did not submit, and eventually the buzzing fell still. A doctor named Barber inserted a glass eye, as blue and almost as large as a chicken's gizzard. And along with the lumps of earth on the Zarecz graveyard, Leyme buried the story of the bee.

Winds, like mating cats, meow at his head.
There is no redeemer. The dead are far away. If someone were to bring him a beaker of water . . .
"Hey, spade, where are you, we have to bury the moon!"
But the spade, his graveyard wife, is out of reach.
Wait. There is the spade, roaming above him, roaming alone among the suspended sparks. His spade is digging into echoing eternity.
Leyme stretches out a long hand to the moon. He holds a star to its nostrils.
The silver feather does not stir.

Then—I saw it myself—the wild bee flew from his glass eye and injected its last fiery honey into my heart.

Trans. Ruth R. Wisse